# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויקרא, שבת זכור, ט' אדר ב', שנת תשע"ט לפ"ק

שנה 8, גליון 27 (387)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**6:47**
מוצאי שב"ק.....................**8:16**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................קהלת ז'-ח'
בבלי.........................חולין ק"ט
ירושלמי.....................תרומות י'
תוספתא..........שביעית פרק א'
רמב"ם...............קרבן פסח א'

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר**, רַשִׁ"י זָאגְט אַז דֶער קוֹל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אוֹיעֶרְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי שֵׂכֶל פוּן יֶעדֶע זַאךְ.

דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּלֵייגְן קָאפּ, וֶועט עֶר בַּאמֶערְקְן, וִוי אַלֶע זַאכְן וָואס פַּאסִירְן אַרוּם אִים, זֶענֶען רְמָזִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אִים. וַוייל אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דָאךְ דִי וֶועלְט, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג רְמָזִים פַאֵרְן מֶענְטְשׁ, אִים מְקָרֵב צוּ זַיין צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט צוּם מֶענְטְשׁ; **"קוּם צוּ מִיר"** **"רֶעד צוּ מִיר"** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן עֶר וִויל אִים נָאר מְקָרֵב זַיין צוּ זִיךְ, אוּן אִים הֶעלְפְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **"וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט שְׁטֶענְדִיג צוּ יֶעדְן אִיד, דוּרְךְ דִי רְמָזִים וָואס עֶר שִׁיקְט אִים, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט צוּ קָאפּ דֶערְצוּ, דַאן, **"וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו"**, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייטֶער רֶעדְן צוּ אִים, אוּן אִים מְקָרֵב זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא א)

***

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה**, דָאס וָוארְט "וַיִּקְרָא" שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע אַלֶף. מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִסוּרִין, סַיי גֵייסְטִישֶׁע יִסוּרִים הָאט עֶר זִיכֶער נִישְׁט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן אֲפִילוּ פִיזִישֶׁע יִסוּרִים וָואס דָאס מוּז מֶען פִילְן, אִיז עֶס אָבֶּער אוֹיךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וַוייל לְמַעֲשֶׂה וֵוייסְט עֶר אַז עֶס קוּמְט אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

ווִידֶער אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים יִסוּרִים, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיִּקָר", אָן דִי אַלֶף, מֵיינְט **"עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן"**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גְרוֹיסֶע צָרוֹת, אָבֶּער וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין דֶעם קְלֵיינֶעם אַלֶף, דָאס מֵיינְט דֶעם **"אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם"** - **דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**, דֶעמָאלְט אִיז עֶס "וַיִּקְרָא" - **"עֶר הָאט גֶערוּפְן"**, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער צָרוֹת, הָאט עֶר נָאר אֵיין עֵצָה, צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאן וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא ב)

# מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## יוֹם טוֹב פּוּרִים

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ גֶעבְּן פַאר פּוּרִים אַ "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל", וָואס דָאס אִיז אַ הַאלְבֶּע פוּן דִי מַטְבֵּעַ פוּן דִי גֶעלְט וָואס אִיז אַיינְגֶעפִירְט צוּ נוּצְן אִין יֶענֶעם אָרְט אוּן צַייט, אוּן מֶען פִירְט זִיךְ צוּ גֶעבְּן דְרֵיי שְׁטִיק פוּן דִי סָארְט מַטְבֵּעַ, וְוִיבַּאלְד עֶס וֶוערְט דֶערְמַאנְט דְרֵיי מָאל דִי וָוארְט "תְּרוּמָה" אִין פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא בַּיי דִי מִצְוָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אוּן דָאס גֶעלְט גֵייט פַאר צְדָקָה.

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען דַארְף מְקַיֵּים זַיין פָּשׁוּט דֶעם מִנְהָג, וָואס דָאס אִיז אַ הֵיילִיגֶער מִנְהָג מִדִּבְרֵי סוֹפְרִים, דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אוֹיף וָואס דֶער "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל" אִיז מְרַמֵּז, אוּן וָואס דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אִין לֶעבְּן.

הָמָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַחַשְׁוֵרוֹשׁ (אֶסְתֵּר ג', ח') "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד" - עֶר הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף דִי אִידְן אַז זֵיי הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם מִיט אַחְדוּת, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ צְווִישְׁן זִיךְ, אוּן דֶערִיבֶּער קֶען קוּמֶען אוֹיף זֵיי אַלֶע צָרוֹת. אוּן כְּדֵי דָאס צוּ פַארֶעכְטְן הָאט אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה גֶעזָאגְט (שָׁם ד', ט"ז) "לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים" - אַז אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם, זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּשָׁלוֹם, זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת, אוּן דָאס וֶועט זֵיי בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

<<<<<<

# א גוט ווארט

מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט אַז מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען פּוּרִים אַ גְרוֹיסֶער חִילוּק פוּן אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר, צִי עֶר מַאכְט זִיךְ נָאר שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז פָּשׁוּט צִיוִוילְדֶעוֶועט.

אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר פַאלְט פוּן דִי פִּיס, עֶר זִינְגְט אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זוּכְט קֵיינֶעם נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען, פַארְקֶערְט עֶר הָאט לִיבּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶערְפַאר וֶוען מֶען זֶעט אַז אֵיינֶער אִיז צֶעוִוילְדֶעוֶועט, עֶר שְׁלָאגְט אוּן זֶעצְט מֶענְטְשְׁן, עֶר צוּבְּרֶעכְט זַאכְן, אוּן מַאכְט שָׁאדְנְס, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז פָּשׁוּט אַ פֶּרֶא אָדָם, עֶר וָואלְט אַ גַאנְץ יָאר אוֹיךְ גֶעוָואלְט שְׁלָאגְן אוּן מַאכְן חוּרְבָּנוֹת, נָאר אַ גַאנְץ יָאר שֶׁעמְט עֶר זִיךְ דָאס צוּ טוּן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט פּוּרִים נוּצְט עֶר אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט, עֶר מַאכְט זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שִׁיכּוֹר אוּן עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס זַיין גַאנְצֶע עַזּוּת. עֶר אִיז בֶּאֱמֶת בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, וַוייל אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר זוּכְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען קֵיינֶעם.

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## מֶעג מֶען פְלִיקְן דִי בָּארְד?



***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים. אִיר זָאגְט קְלָאר אוּן אָפְן וָואס מְ'הָאט צוּ טוּן אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ דְרָשָׁה וִוי אִיר זָאגְט נָאךְ פוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אַז וֶוען מְ'שְׁנַיידְט דִי בָּארְד, שְׁנַיידְט מֶען דִי פַּרְנָסָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ פְלִיקְן דִי בָּארְד, ווִיל אִיךְ וִויסְן צִי דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיךְ אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן וָואס זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִילוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב'): "עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בָּרֵךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד, "וּמִי שֶׁרוֹחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לְכַפֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", אוּן וֶוער עֶס ווִיל לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט - אַז עֶר נֶעמְט אַרָאפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; קוּק נָאךְ דָארְט מֶער בַּאֲרִיכוּת.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "וָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ צוּ זָארְגְן אַז עֶר וֶועט לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר [וֶוען עֶר וֶועט זַיין אַ נִפְטָר] מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת"; עֶס אִיז דָאךְ דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַזוֹיפִיל עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים, דָאךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אוֹיבּ מֶען הָאט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת דַארְף מֶען נִישְׁט זָארְגְן וַוייל דָאס בַּאגְלֵייט אוּן בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אוֹיף דִי וֶועלְט הֶעלְפְט דָאס אוֹיךְ פַאר'ן מֶענְטְשׁ אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם צוּ פַּרְנָסָה. דִי בָּארְד בְּרֶענְגְט דִי שֶׁפַע פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ: 'צִינוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים' - רֶערְן [פֵּייפְּס] וָואס דוּרְךְ דֶעם קוּמְט אַרָאפּ פוּן הִימְל פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן אַז מֶען שְׁנַיידְט אָדֶער מֶען פְלִיקְט דִי בָּארְד, שְׁנַיידְט מֶען אָפּ אַלֶע רֶערְן [פֵּייפְּס] פוּן פַּרְנָסָה וָואס דַארְף קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## ווִיפִיל מֶעג מֶען טְרִינְקֶען אוּם פּוּרִים?



***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר לֶעבְּן מַמָשׁ, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינְט פוּן צוּ

<<<<<<

>>>>>>

דֶער הַאלְבֶּער שֶׁקֶל ווַייזְט אַז אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, עֶר אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּער אִיד, עֶר מוּז זִיךְ צוּזַאמְשְׁטֶעלְן מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן נָאר דַאן וֶועט עֶר וֶוערְן אַ גַאנְצֶער אִיד. יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן פּוּרִים דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן לִיבּ צוּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד, זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אִידְן.

דָאס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִינְדֶערְהֵיים, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט דִי ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, לִיבּ הָאבְּן דִי ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז עֶר נִישְׁט קַיין גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, זַיין מֹחַ אִיז אִים צֶעמִישְׁט אוּן צֶעפְלוֹיגְן, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן. וֶוען מֶען בֵּייגְט זִיךְ אָבֶּער אַרָאפּ דֶעם קָאפּ, מֶען ווֵייסְט אַז אַלֵיין אִיז מֶען נָאר אַ הַאלְבֶּער מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי ווַייבּ אוּן נָאר אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַן "אָדָם הַשָּׁלֵם" - אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דַאן קֶען מֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט זִיךְ אַלֵיין. דִי נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אִיז אַ "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל" - אַ חֵלֶק פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת, דַאן בְּלַייבְּט עֶר נָאר מִיט אַ הַאלְבֶּע נְשָׁמָה. דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד אִיז זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בַּאהֶעפְטְן זַיין נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר זַיין אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אִיז נָאר דוּרְכְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען גֶעבְּט דִי "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל" פּוּרִים בַּיינַאכְט פַאר'ן לֵיינֶען דִי מְגִילָה, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן נָאנְט אוּן בְּאַחְדוּת מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

### לֵיינֶען דִי מְגִילָה

דִי מִצְוָה פוּן לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִיז גָאר גְרוֹיס, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְחוּיָב צוּ לֵיינֶען אָדֶער הֶערְן דִי מְגִילָה, סַיי מֶענֶער אוּן סַיי פְרוֹיעֶן, אוּן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה לֵיינֶען. לְכַתְּחִילָה דַארְף מֶען גֵיין אִין שׁוּל צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה לֵיינֶען, וַוייל "בְּרוֹב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ". אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל, דַארְף מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִילָה, אוּן מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט, זֶעט מֶען וִוי דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע נִסִים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין דִי טֶבַע. דָאס מֵיינְט אַז פוּן אוֹיבְּן-אוֹיף וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז דִי אַלֶע זַאכְן הָאט פָּשׁוּט אַזוֹי פַּאסִירְט, אַז פוּנְקְט הָאט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶע'הַרְגֶ'ט זַיין קֶענִיגְן וַשְׁתִּי, אַז פוּנְקְט הָאט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז בִּגְתָן אוּן תֶּרֶשׁ ווִילְן הַרְגֶ'ענֶען דֶעם קֶענִיג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה קוּקְט אוֹיס וִוי אַלֶעס אִיז גֶעשֶׁען בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע.

וֶוען דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן מֶען הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען, הָאט מֶען קְלָאר גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַלֶעס גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן חֶשְׁבּוֹן צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ רַאטֶעוֶוען דִי אִידְן.

דָאס אִיז גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חִזּוּק פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן עֶס קֶען אוֹיסְזֶען וִוי עֶר הָאט אוּנְז אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְט אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט. דַארְף מֶען אָבֶּער ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אוּנְז, עֶר פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי עֶס פַּאסִירְט פָּשׁוּט בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, וֶוערְן אֶמֶת'דִיג אוֹיךְ גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אַלֶעס הָאט אַ פוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס דָאס דַארְף אַזוֹי צוּ זַיין.

וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס דִי מְגִילָה לֵיינֶען, דַארְף מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ. וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז אוֹיךְ הַיינְט טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ גְרוֹיסֶע נִסִים, נָאר זֵיי זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אוּן זֶעעֶן אוֹיס וִוי אַ דֶרֶךְ הַטֶּבַע. דִי פְלִיכְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דֶעם, צוּ זֶען אוּן בַּאמֶערְקְן דִי אַלֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים כְּסֵדֶר, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוֹן מִיט דִי אִידְן דֶעמָאלְט אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה.

### מֶען טֵיילְט פַאר יֶעדְן

חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה פֶּרֶק א', הֲלָכָה ד') אַז אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים "כָּל מִי שֶׁהוּא פּוֹשֵׁט אֶת יָדוֹ לִטּוֹל, נוֹתְנִין לוֹ" - וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ הַאנְט צוּ נֶעמֶען, גֶעבְּט מֶען אִים. בְּפַּשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז אוּם פּוּרִים טֵיילְט מֶען צְדָקָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען קוּקְט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאךְ, נָאר וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ הַאנְט צוּ נֶעמֶען צְדָקָה, גֶעבְּט מֶען אִים.

דָאס גֵייט אָבֶּער אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים אִיז דָא אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עֵת רָצוֹן, אוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט מֶען אִים גְלַייךְ. מֶען קוּקְט אִים נִישְׁט נָאךְ צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז יָא וֶוערְד אַז מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן אָדֶער נִישְׁט.

אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (נ"ז:) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "פּוּרִים" אִיז אַזוֹי וִוי "יוֹם כִּפּוּרִים". יוֹם כִּיפּוּר אִיז דָאךְ דִי הֵיילִיגְסְטֶע טָאג פוּן יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין פּוּרִים, וָואס דֶעמָאלְט אִיז גָאר אַ הֵיילִיגֶע אוּן גֶעהוֹיבֶּענֶע צַייט. וֶוען אַ אִיד הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס דֶעם טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת גְרִינְגֶערְהֵייט.

**אוּן אַז עֶס אִיז דִיר טַאקֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִיז דָאס דִי עֵצָה?! צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג?!**

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק

<<<<<<

>>>>>>

אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, עֶר פִּילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן; וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פַּאר אִים זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִין פּוּרִים קוּקְט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט נָאךְ, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיבּ מֶען אִיז יָא וֶוערְד אָדֶער נִישְׁט. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, קֶען זִיךְ יֶעצְט אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער זָאל עֶר שׁוֹין זַיין נָאר וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער אוֹיפְנֶעמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, עֶר וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער, עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק אוּן עֶר הָאט מְקַרֵב גֶעוֶוען אַסַאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען אַ דָארְפְס-אִיד, וָואס פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים צוּ הֶערְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי מֵאִיר פְלֶעגְט זִיךְ פִּירְן אַז פּוּרִים פְלֶעגְט עֶר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, אוּן צְוֵויי אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג הָאט מֶען אַרָאפְּגֶעמַאכְט דִי לָאדְנְס, פַּארְמַאכְט אַלֶע פֶּענְסְטֶערְס, מֶען הָאט אָנְגֶעצוּנְדְן אַסַאךְ לִיכְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט.

אֵיין יָאר פּוּרִים אִיז דֶער דָארְפְס-אִיד גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט צוּ ר' מֵאִיר אִינְדֶערְהֵיים מִיטְצוּהַאלְטְן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע סְעוּדַת פּוּרִים. אִינְמִיטְן טַאנְצְן הָאט ר' מֵאִיר בַּאמֶערְקְט וִוי אַלֶע טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ אוּן נָאר דֶער דָארְפְס-אִיד זִיצְט אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי שִׂמְחָה. ר' מֵאִיר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? הַיינְט אִיז דָאךְ פּוּרִים מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ", הָאט דֶער דָארְפְס-אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס טוּט מֶען אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט אַ צִבְיָ' אוֹיפְן קָאפּ?" וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טֶעכְטֶער חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, אוּן דִי עֶלְטְסְטֶע הָאט גֶעהֵייסְן צִבְיָ', אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אִיר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן.

הָאט אִים ר' מֵאִיר גֶעזָאגְט: "אוּן אַז עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִיז דָאס דִי עֵצָה? צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג? דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט, מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז וֶוען עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרַייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי'". ר' מֵאִיר הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים הַאנְט אוּן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי רִינְג, אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרוּנְקֶען אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן רֶבִּי מֵאִיר שְׁרַייט צוּם דָארְפְס-אִיד: "הֶער מִיךְ צוּ, זָאג מִיךְ נָאךְ, אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרַייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי'", אוּן דֶער דָארְפְס-אִיד הָאט אִים נָאכְגֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַסַאךְ מָאל מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת אוּן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, בִּיז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין הֵייזֶערִיג גֶעוָוארְן.

נָאךְ פּוּרִים הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אִיד אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם דָארְף אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם דָארְפְס-אִיד. דִי עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער צִבְיָ' הָאט אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אָנְגְרֵייטְן פַּארְ'ן אוֹרֵחַ עֶפֶּעס צוּ עֶסְן,

דִי מֵיידְל אִיז גֶעפָאלְן פַּארְ'ן אוֹרֵחַ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם דָארְפְס-אִיד: "אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר אִינֶעם זֶעלְבְּן עֶלְטֶער, אֶפְשָׁר זָאלְן מִיר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין?" דֶער דָארְפְס-אִיד הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז מַסְכִּים, עֶר דַארְף אָבֶּער קוֹדֶם פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי'ן, וֶוען דֶער אוֹרֵחַ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וֶוער זַיין רֶבִּי אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער. עֶר הָאט מִיר מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן" הָאט דֶער אוֹרֵחַ גֶעזָאגְט: "עֶר וֶועט זִיכֶער מַסְכִּים זַיין". זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן אוֹיף טֶעפְּלִיק צוּ רֶבִּי מֵאִיר, אוּן עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן דֶעם שִׁידוּךְ בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

הָאט מֶען דֶעמָאלְט בַּאשַׁיינְפֶּערְלִיךְ גֶעזֶען וִוי דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פּוּרִים הָאט גֶעפּוֹעֶלְ'ט אַ יְשׁוּעָה.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען דַארְף אַרָאפְּנֶעמֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִין טָאג אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אוּן דַאן וֶועט מֶען זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

(קוּנְטְרֵס 'אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים')

# מָרְדֳּכַי בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר הָמָן

אִין דִי מְגִילָּה זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ. הָמָן הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט; כָּבוֹד, גֶעלְט, הַייזֶער אוּן קִינְדֶער, אַחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט אִים גְרוֹיס גֶעמַאכְט אוּן אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַלְץ שַׂר אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מְדִינוֹת, פַארְוָואס אִיז אִים אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז מָרְדֳּכַי בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים?! הָמָן הָאט גֶעזָאגְט (אֶסְתֵּר ה, יג): "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי בְּכָל עֵת אֲשֶׁר אֲנִי רֹאֶה אֶת מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ", עֶס אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד מַיין גַאנְצֶע רַייכְטוּם וֶוען אִיךְ זֶע מָרְדֳּכַי זִיצְן בַּיים טוֹיעֶר פוּן קֶענִיג; וָואס הָאט אִים אַזוֹי גֶעאַרְט? וָואס הָאסְטוּ מִיט מָרְדֳּכַי? דֶער גַאנְצֶער לַאנְד גֶעבְּט דִיר אָפּ כָּבוֹד, וָואס וֶוערְסְטוּ אַזוֹי אוֹיסֶער זִיךְ וְכוּ'?! נָאר וָואס דֶען, הָמָן דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, עֶר וֶוערְט רַייךְ פוּן עֲבֵירוֹת וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר וִויל נָאר אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אָבֶּער וֶוען עֶר זֶעט וִוי דֶער אִיד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסֶענְדִיג, נָאר עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן; דֶער אִיד קוּמְט וַוייטֶער אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אוּן כַאפְּט אַרַיין אַבִּיסְל לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַ בְּלַאט גְמָרָא; עֶר זֶעט דֶעם אִיד "יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ" עֶר קוּמְט וַוייטֶער צוּרִיק אִין שׁוּל, דַאן וֶוערְט עֶר ווִילְד אוּן שְׁרַייט: "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי!" עֶס אִיז אִים גָארְנִישְׁט וֶוערְד דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ - אִין וָואס עֶר אִיז אִים מַכְשִׁיל - אִיז דָאס נָאר וַוייל עֶר וִויל עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן; אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַז מָרְדְכַי, דֶער אִיד, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אוּן בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

דָאס דַארְפְן מִיר מִיטְנֶעמֶען פוּנֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים; מִיר דַארְפְן שְׁרֵייעֶן (אֶסְתֵּר ג, ב): "וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה"; אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְּן פַאר הָמָן הָרָשָׁע אוּן אִיךְ גֵיי נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן! אִיךְ גֵיי וַוייטֶער קוּמֶען אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, אֲפִילוּ אִיךְ זֶע אוֹיס וִוי אִיךְ זֶע אוֹיס. אִיךְ גֶעבּ זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער פַארְן יֵצֶר הָרַע, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין; מֶענְטְשְׁן לָאזְן אָפּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ שׁוּלְד גֶעפִיל, עֶר מַאכְט זֵיי שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָבָר. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' תְּצַוֶּה תשע"ח)

>>>>>>

טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל סְתָּם אַזוֹי אִינְמִיטְן יָאר. יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט וֶועגְן טְרִינְקֶען וַויין אוּם פּוּרִים.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינְט פוּן טְרִינְקֶען וַויין אַ גַאנְץ יָאר; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין וַויין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כו): "עַל־יְדֵי שִׁכְרוּת, שׁוֹכְחִין כָּל הַמִּצְוֹת", אַז מֶען טְרִינְקְט אוּן מֶען שִׁיכּוֹרְ'ט זִיךְ אָן, פַארְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז פוּן וַויין קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס אוּן עֶס נִישְׁט דָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט וֵויינֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט וִוי וַויין; וַויין אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן וֵויינֶען וַוייל עֶס מַאכְט וֵויינֶען אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא עו:): "יַיִן מֵבִיא יְלָלָה"; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ו): "יַיִן גּוֹרֵם לִזְנוּת", וַויין בְּרֶענְגְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי): "יַיִן מֵבִיא אֶת הָאָדָם לִידֵי חֵטְא - צוּ עֲבֵירוֹת, לְצָרָה גְּדוֹלָה - צוּ גְרוֹיסֶע צָרוֹת, וּלְחִסָּרוֹן כִּיס - אוּן עֶס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אָרֶעם.

מֶען זֶעט אַז דִי אַלֶע וָואס וֶוערְן אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין טְרִינְקֶען הָאבְּן נִישְׁט קַיין דְזְשַׁאבּ. וַוייל זֵיי שְׁטֵייעֶן נִישְׁט אוֹיף צַייטְלִיךְ, זֵיי שִׁיכּוֹרְ'ן בַּיינַאכְט אוּן גֵייעֶן שְׁלָאפְן טוֹיזְנְט אַזֵייגֶער. נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף שְׁפֶּעט אוּן זֵיי זֶעעֶן וִוי דֶער טָאג אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער וֶוערְן זֵיי צֶעבְּרָאכְן, דַאן הֵייבְּן זֵיי אָן נָאכְאַמָאל צוּ טְרִינְקֶען.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כג, כט): "לְמִי אוֹי? לְמִי אֲבוֹי?" אוֹיף וֶועם אִיז אַ רַחֲמָנוּת, אוֹיף וֶועם דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן אוֹי וֵויי? "לְמִי מִדְיָנִים?" וֶוער קְרִיגְט זִיךְ מִיט מֶענְטְשְׁן? "לְמִי שִׂיחַ?" וֶוער רֶעדְט אַסַאךְ נַארִישְׁקֵייטְן? "לְמִי פְּצָעִים חִנָּם?" וֶוער כַאפְּט קְלֶעפּ? "לְמִי חַכְלִלוּת עֵינָיִם?" וֶוער הָאט רוֹיטֶע אוֹיגְן? דָאס אַלֶעס פְרֶעגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט: "לַמְאַחֲרִים עַל הַיָּיִן", דִי אַלֶע וָואס טְרִינְקֶען וַויין.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ נֶעמְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה אוּן דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן; לֵיידֶער זֶעט מֶען אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט טְרִינְקֶען זִיךְ אָן שַׁבָּת, זֵיי גֵייעֶן פוּן אֵיין שׁוּל צוּם צְוֵוייטְן זוּכְן וואוּ עֶס אִיז דָא פוּנֶעם בִּיטֶערְן טְרָאפּ. מֶען גֵייט צוּ חֲבֵרִים אוּן מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ נִיבּוּל פֶּה אוּן צוּ בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַנְשְׁטָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל אַהֵיים גֵיין צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי - דִי אֵיין מָאל אַ וָואךְ וָואס דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אַבִּיסְל צַייט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, אַנְשְׁטָאט דֶעם גֵייט אַוֶועק דֶער שַׁבָּת מִיט טְרִינְקֶען.

בְּנוֹגֵעַ טְרִינְקֶען פּוּרִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה ז:): "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא, עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי" אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעפַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען זָאל טְרִינְקֶען פּוּרִים (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תרצ"ה, סְעִיף ב'). מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר זַיין אַז מֶען זָאל טְרִינְקֶען מִיט אַ מָאס; נִישְׁט זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל וֶוערְן שִׁיכּוֹר וִוי לוֹט אוּן פַארְפַּאסְן דַאוֶוענֶען מִנְחָה, מַעֲרִיב אוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וְכוּ' וְכוּ'.

פּוּרִים בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶלְ'דִיגֶע זַאךְ; מֶען זֶעט בָּחוּרִים טְרִינְקֶען זִיךְ אָן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט אוּן וֶוערְן אַזוֹי שִׁיכּוֹר אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פּוּרִים נָאכְדֶעם. פּוּרִים בַּייטָאג דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט צוּ טְרִינְקֶען אַפָּאר כּוֹסוֹת וַויין, מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען מַאכְט אַ צְוֵוייטְן פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן

זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

BreslevCenter.com\answers





די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 646-334-2858

# זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז דִי עִיקָר מִצְוָה פוּן דֶערְמַאנֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען וָואס עֲמָלֵק הָאט אוּנְז גֶעטוּן, אִיז צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים פוּן עֲמָלֵק אוּן זִיךְ שְׁטַארְקֶן דָאס מֶער נִישְׁט אִיבֶּערְצוּ׳חַזְרְ׳ן, אַז מִיר זָאלְן אוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. וָואס הָאט עֲמָלֵק גֶעוָואלְט פוּן דִי אִידְן? עֲמָלֵק הָאט דֶער עִיקָר גֶעוָואלְט צוּבְּרֶעכְן דִי מוּט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי צוּ וַוייזְן אוּן אַיינְרֶעדְן אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין הָאפֶענוּנְג אוּן זֵיי וֶועלְן שׁוֹין מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז עֶר הָאט זִיךְ פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי אִידְן וֶועמֶען דִי וָואלְקֶענֶעס הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגְן, וָואס דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי גָאר שְׁוַואכֶע אִידְן, אוֹיף זֵיי הָאט עֶר זִיךְ פַארְלֵייגְט זֵיי צוּ זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דֶערְנָאךְ. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר דָאס גֶעדֶענְקֶען אוּן זִיךְ שְׁטַארְקֶן צוּ טוּן פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זוּכְן בַּיי זִיךְ נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקֶן אַז עֶר וֶועט זִיכֶער יָא מַצְלִיחַ זַיין. נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, וֶועט עֶר אָבֶּער פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זַיין גוּט אוּן הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה. דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם עֲמָלֵק, מִיט דֶעם וָואס מִיר שְׁטַארְקֶן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוּן מִיר לָאזְן זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, מִיט דֶעם וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶערִיסְן דֶער זֵכֶר פוּן עֲמָלֵק.

מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט אַז דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק אִיז גֶעוֶוען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז מֶען זָאל מֵיינֶען אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, אַז זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיין דוּרְךְ אַ צוּפַאל ח״ו. דָאס אִיז דֶער עִיקָר כֹּחַ פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק, אוּן מִיר דַארְפְן מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט זֵיי דוּרְכְ׳ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוּן מְגַלֶה זַיין פַאר יֶעדְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אַז מִיר זָאלְן אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס אִיז יָא דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶס אִיז נָאר אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיין.

הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דֶער עֲמָלֵק צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין פָארֶעם פוּן דִי עֵרֶב רַב וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ פַארְמָאסְטְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ מַלְכוּת הָרְשָׁעָה אוּן מִיט דֶעם זֶענֶען זֵיי מוֹרֵד אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָפֶענֶערְהֵייט בְּרֵישׁ גְלֵי, אוֹיסֶער דֶעם וָואס זֵיי פִירְן לֵיידֶער אַרָאפּ מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן אִידִישְׁקַייט רח״ל. דִי מַלְכוּת הָרְשָׁעָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מִיר דַארְפְן מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט זֵיי מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. מִיר דַארְפְן זֶען צוּ טוּן וָואס מִיר קֶענֶען צוּ מְגַלֶה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן זֵיי אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וֶוערְן. וַוייל אֵיינְמָאל מֶען דֶעקְט אוֹיף אוּן מֶען חַזְרְ׳ט זִיךְ גוּט אַיין אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן וֶוערְט שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ בָּטֵל אַלֶע כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת.

מוֹהֲרַא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע שְׁפַּאצִירְט מִיט אַ תַּלְמִיד אִין אַ וִויסְטֶער מִדְבָּר וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וַואסֶער, אוּן דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דָארְשְׁטִיג, מַמָּשׁ בִּיז צוּ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״צִי גְלֵייבְּסְטוּ אַז אִין דִי מִינוּט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזֶען דִי צָרָה וָואס דוּ גֵייסְט יֶעצְט הָאבְּן אוּן עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט צוּגֶעגְרֵייט פַאר דִיר וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען?״ דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעטְרַאכְט אַבִּיסְל אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז עֶר גְלֵייבְּט אִין דֶעם. ״אוֹיבּ אַזוֹי״ - הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט - ״דַאן וַוארְט אַ מִינוּט, אוּן זֶע וָואס עֶס גֵייט דָא פַּאסִירְן״.

פְּלוּצְלִינְג זֶעעֶן זֵיי וִוי אַ גוֹי קוּמְט זֵיי אַקֶעגְן אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט צְוֵויי אַמְפֶּערְס וַואסֶער. זֵיי הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע פְּרוּטוֹת אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען פַאר דֶעם תַּלְמִיד. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם גוֹי וָואס עֶר זוּכְט דָא מִיט דִי וַואסֶער, הָאט דֶער גוֹי דֶערְצֵיילְט אַז זַיין הַאר אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן אוּן אִים גֶעהֵייסְן אָנְפוּלְן צְוֵויי אַמְפֶּערְס וַואסֶער אוּן לוֹיפְן דֶערְמִיט אִין וַואלְד אַרַיין ״אוּן אַזוֹי בְּלָאנְזְשֶׁע אִיךְ שׁוֹין דָא פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן דֶער וֶועג צוּרִיק״. דַאן הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם תַּלְמִיד אוּן גֶעזָאגְט: ״זֶעסְטוּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם הַאר, אוּן אִים מְשׁוּגָע גֶעמַאכְט, אַלֶעס נָאר אַז דוּ זָאלְסְט יֶעצְט בַּאקוּמֶען וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען״.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי רֵיינֶע אוּן אֱמֶת׳עֶ אֱמוּנָה, דַאן זֶעט מֶען טַאקֶע בְּחוּשׁ אָפֶענֶערְהֵייט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט הַשְׁגָחָה פְּרָטִית. דֶערִיבֶּער דַארְף דָאס זַיין אוּנְזֶער זַאךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִיבֶּער דִי וֶועלְט, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי הַיינְטִיגֶע עֲמָלֵקִים וֶועלְכֶע ווִילְן נָאר אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה, זֵיי וֶועלְן אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וֶוערְן בְּקָרוֹב.

(לוּחַ בְּרֶסְלֶב פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא תשע״ו)

## בית המדרש ״היכל הקודש״ ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

### זמנים לימי הפורים

תפלת מנחה תענית אסתר........................7:15
קריאת המגילה ליל פורים........................8:15
תפלת שחרית ביום הפורים........................9:00
קריאת המגילה........................10:00
סעודת פורים........................6:00

ואחר כך ריקודין בשירה וזמרה לכבוד היום

**סעודת שושן פורים וועט פארקומען אי״ה מוצאי שב״ק אום 9:30, ביי די סעודה וועט אי״ה זיין א הערליכער פארשטעלונג**

**די ווייבער שול וועט אי״ה זיין אפן אין די אלע זמנים**

א פרייליכן פורים, הגבאים

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

### בחורים גרייטן זיך אויף פורים

גאר א גרויסע פארלאנג איז געקומען דאס יאר דורך די חשובע נגידים נדיבי עם אז די בחורי הישיבה זאלן ארויפקומען און משמח זיין בעצם יום הפורים.

די הייליגע ברסלב׳ע ישיבה איז שוין גאר שטארק באקאנט אין די היינטיגע טעג, עס איז ברייט באוואוסט די גרויסע פעולות פון די הייליגע ישיבה, סיי וואס מען קען זען אויף די טייערע בחורים, הכרת פניהם ענתה בם, די תורה און תפלה, די יראת שמים און מדות טובות, וואס זיי האבן זיך איינגעקויפט בין כותלי הישיבה; און סיי די געוואלדיגע שיעורים וואס דער ראש ישיבה געבט יעדן טאג אין ישיבה, און ווערט געהערט דורך פילע צענדליגע טויזנטער אידן איבער די וועלט, וועלכע זענען זיך מחי׳ מיט די דרשות, און גלייכצייטיג מיט די ״חיזוק יומי״ - טעגליכע קורצע אויסצוגן פון די דרשות, גאר אסאך אידן זאגן עדות אז די דרשות האבן געטוישט זייער לעבן צום גוטן אין אלע הינזיכטן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

עס איז מערקווירדיג צו זען דער חילוק פון ווען די ישיבה איז געעפנט געווארן, ביז היינט צו טאגס צען יאר שפעטער. אין אנהויב האט מען פארטריבן די בחורים און נישט געוואלט הערן בכלל פון די ישיבה, נישט באגרייפנדיג די געוואלדיגע תועלת וואס די הייליגע ישיבה ברענגט פאר די בחורים און פאר יעדן איינעם, און אצינד איז דאס פונקט פארקערט ווען עס הערשט אזא גרויסע נאכפראגע אויף די ישיבה, אידן שפירן פאר א גרויסע זכי׳ צו קענען האבן א חלק אין די געוואלדיגע פעולות פון די הייליגע ישיבה.

עס וועט אי״ה זיין באזונדערע גרופעס בחורים פאר אלע היימישע געגנטער, צו באשטעלן די בחורים ארויפצוקומען רופט ווי פריער דעם נומער אינ׳ם באזונדערן קעסטל.

**אבן מעסו הבונים היתה לראש פנה!**

## ישיבה ״תפארת התורה״ ברסלב

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר וועלן מיר דאס יאר נישט ארויף גיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

**אויב ווילט איר אז די בחורים זאלן ארויף קומען צו אייך צו משמח זיין בעצם יום הפורים, ביטע רופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

**צייט איז באגרעניצט, רופט שוין**

**917-530-2556**

וכל הקודם זכה

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**